# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

330 | פרשת בהר בחקתי | תש"פ


## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### היטן שבת לשם ה'

"וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'" (כה ב)

"לשם ה', כמו שנאמר בשבת בראשית" (רש"י).

דער **בעסערמינער רב הגאון רבי יעקב יוסף גינז** ערקלערט:

די מצוה פון רוען אין שבת האט אויך א נאטורליכע סיבה, ווייל דורך דעם רוהט זיך דער מענטש אפ, וואס דאס איז וויכטיג פאר זיין קערפער. אזוי ווי מיר זען אז אויך די פעלקער האבן פאר זיך אויסדערוועלט א טאג וואס זיי רוען פון זייער הארעוואניע אגאנצע וואך.

פון דעסוועגן, אלץ אידן זענען מיר באפוילן געווארן נישט קוקן אויף די נאטורליכע סיבות, נאר אפהיטן שבת 'לשם ה'', אזוי ווי די תורה באטאנט (שמות כ י): "וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַה' אֱלֹקֶיךָ". וועגן דעם האבן מיר קיינמאל נישט געזען א גוי וואס איז זיך מוסר נפש אויף די רוען אין זיין רואיג'נס טאג, דאקעגן צענדליגער טויזנטער אידן האבן זיך מוסר נפש געווען אין לויף פון די דורות אויף שמירת שבת, ווייל ווי געזאגט זיי רוען צוליב די אייגענע אינטערעסע, אבער מיר רוען כדי מקיים זיין די ציווי פון ה'.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם נוסח וואס מיר זאגן שבת ביי מנחה: "יכירו בניך וידעו כי **מאתך** היא מנוחתם" - ווייל די אידן טון איינערקענען אז זייער רוען אין שבת איז צוליב די באפעל פון השי"ת, דעריבער: "ועל מנוחתם יקדישו את שמך" - זענען זיי מקדש שם שמים און זיך מוסר נפש אויף דעם.

דאס טייטש רש"י: "ושבתה הארץ שבת לה'" - "כמו שנאמר בשבת בראשית"; אסאך פעלד-ארבערטער אין דער גארער וועלט פירן זיך צו רוען זייערע פעלדער איין יאר, כדי די ערד זאל ארויסגעבן בעסערע פרוכט אין די קומענדיגע יאר. אבער מיר זענען באפוילן געווארן רוען "שבת לה'" - ווייל אזוי האט אונז באפוילן דער באשעפער.

'הרי בשמים'

### ברוך הגבר אשר יבטח בה'

"וְאִישׁ כִּי לֹא יִהְיֶה לּוֹ גֹּאֵל וְהִשִּׂיגָה יָדוֹ וּמָצָא כְּדֵי גְאֻלָּתוֹ" (כה כו)

מען דארף פארשטיין: צי דער וואס האט א 'גואל' מעג נישט אליין אויסלייזן זיין פעלד, פארוואס שטייט נישט: 'ואם השיגה ידו ומצא כדי גאולתו'?

זאגט דער הנצי"ב פון וואלאזשין:

די תורה לערנט אונז, דאס וואס: "לֹא יִהְיֶה לּוֹ גֹּאֵל", ברענגט צו "וְהִשִּׂיגָה יָדוֹ". ווייל ווען א מענטש דארף צוקומען צו הילף, ווארפט ער ארויף זיין האפענונג אויף זיינע נאנטע און גוטע פריינד אז זיי זאלן אים העלפן. דאקעגן דער וואס האט נישט קיין קרוב און א גואל, פארלאזט זיך באלד אויפן אייבערשטן און דאוונט צו אים, און דעריבער וועט ער קענען אויסלייזן זיין פעלד.

און די ווערטער שטייט דאך קלאר אין פסוק: "אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ... בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ" (ירמיה יז ה; ז).

'העמק דבר'

### וצויתי את ברכתי - אמן!

"וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם" (כה כ-כא)

**רבי יעקב חיים** דער בן יחיד און ממלא מקום פונעם 'בן איש חי' שרייבט:

די ווארט 'לכם' [מיטן כולל] איז בגימטריה 'אמן'. לויט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק אזוי: "וְצִוִּיתִי: אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם" - הקדוש ברוך הוא באפעלט, יעדע מאל וואס ענק הערן א ברכה זאלן ענק ענטפערן אמן, אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (ברכות א עג): "יעדער וואס הערט איינעם זאגן עפעס א ברכה, כאטש ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון אנהויב ביז די ענדע, און אויך אויב ער דארף נישט יוצא זיין די ברכה, דארף ער ענטפערן אמן".

'ציצים ופרחים'

### 'אמן ואמן' מקרב זיין די גאולה

"וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב" (כו מב)

"בחמשה מקומות נכתב [יעקוב] מלא..." (רש"י)

דער **הרמ"ע מפאנו** שרייבט: "עס איז זייער גוט אז נעבן יעדע מענטש זאלן זיך געפונען צוויי חברים וואס הערן צו זיינע ברכות און ענטפערן אמן". און שרייבט אויף דעם א רמז: "יַעֲקוֹב" [מלא מיט א וא"ו] - איז בגימטריה 'אמן ואמן' (זעה אין 'מחצית השקל' או"ח ו ט וואס ברענגט די הנהגה אין זיין נאמען).

דער **ווייצענער רב רבי צבי הירש מייזליש** האט אזוי ערקלערט דער רמז:

דער 'חתם סופר' אין אונזער פרשה שרייבט אז אין לויף פון גלות ווערט דער נאמען פון 'יעקב' געשריבן חסר, און לעתיד לבוא, וועט זיין נאמען צוריק זיין מלא - 'יעקוב'. דורך דעם וואס דער מענטש איז מקפיד אז צוויי מענטשן צוזאמען זאלן ענטפערן נאך אים אמן, זענען זיי מרמז אויף דעם נאמען 'יעקוב' וואס איז מלא, וואס ווי געזאגט איז עס בגימטריה 'אמן ואמן', און עס ווערט גערעכנט כאילו זיי דאווענען אז דער אייבערשטער זאל צואיילן די גאולה, און די נאמען פון 'יעקוב' זאל געשריבן ווערן מלא.

'עשרה מאמרות' מאמר חקור דין ב טו; 'תורת משה'; 'אגרא דצבי' [על אגרא דפרקא] רמז נט אות א

### אכטונג געבן אויף כבוד בית המדרש

"לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם אֱלִילִם... וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ" (כו א-ב)

דער **סמ"ק** (מצוה יא) שרייבט: יעדער מענטש דארף אליין טון א קל וחומר: אויב די אומות העולם שטייען ווי שטימע אין זייער תיפלה, איז דאך זיכער אז מיר וואס שטייען פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דארפן זיכער זיך אויפפירן מיט כבוד אין אונזערע שולן. און לייגט צו: "מיר טרעפן אין מדרש און אין גמרא (ראה יבמות צו ב), אזוי אויך האבן אונזערע עלטערן דערציילט און מיר האבן געזען מיט די אייגענע אויגן אז עטליכע שולן וואס זענען געווארן עבודה זרה הייזער ווייל מ'האט זיך דארט געפירט מיט גרינגשעצונג".

לייגט צו **רבי אברהם סבע**, דאס איז מרומז אין די סמיכות פון די פסוקים: "לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם אֱלִילִם... וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ"; אויב ווילן ענק אז ענקערע שולן זאלן נישט ווערן הייזער אויף עבודה זרה, געבט ביטע אכטונג אין זייער כבוד.

'צרור המור'

### די ערגסטע קללה פון אלע - פארלירן די כח התפילה

"וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם... וְהִשְׁמַדְתִּי אֶת בָּמֹתֵיכֶם" (כו כט-ל)

"ולא יהיה לכם מקום לזעוק ולהתפלל להושע מהרעב, כי אשמיד במותיכם - מקום הזבחים" (אבן עזרא).

דער משגיח **רבי גדליה אייזמאן** פלעגט זאגן: די קללה איז שווערער געווען פאר די אידן מער פון די קללה פון: "וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם" וואס שטייט פריער, ווייל אויב זיי וואלטן געהאט א מעגליכקייט צו דאווענען, וואלטן זיי געקענט מבטל זיין די גזירות דורך די כח פון תפילה. און דער משגיח האט צוגעלייגט: אויך אין אונזערע צייטן טרעפט זיך אמאל אז א מענטש ווערט געשטראפט מיט די שווערע קללה, דורך דעם וואס עס ווערט אוועק גענומען פון אים די 'טעם' און די 'געפיל' פון דאווענען.

'גידולי מוסר' אלול עמ' קפג


# וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים... חַיִּים שֶׁל טוֹבָה

**טייערע ברודער!**

אין די יעצטיגע טעג וואס מיר אלע דארפן א ספעציעלע שמירה אויף אונזער געזונט, און א ברכה און הצלחה אין די געשעפטן, איז די ריכטיגע צייט מער מקפיד זיין ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. די חכמים האבן צוגעזאגט (ירושלמי ברכות ב א) פאר דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן קלאר און שטייט [נישט צי שטייט, נאר וויפיל צייט עס נעמט זאגן די ווערטער: 'א-ל מלך נאמן' (שו"ע או"ח קכד ח)], א וואונדערליכע צוזאג:

## "מאריכין לו ימיו ושנותיו בטובה"

"בני אמונים" - מיר וועלן אויס א גוטן לעבן



# תענה אמונים

פערל ווערטער און ערקלערונגען אויף 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - בקשות 'הרחמן' (יג)

### הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו

דער של"ה הק' שרייבט (שער האותיות קדושת האכילה קפא) "נאכן זאגן 'יראו את ה' קדשיו' איז גוט צו זאגן 'הודו לה"...". דער מקור פון דעם ווערט געברענגט אין אבודרהם (ברכת הלחם, המוציא אות מב), און פון זיינע ווערטער דארט זעט אויס אז פון די פיר מאל וואס דער פסוק ווערט דערמאנט אין תהילים, איז די כוונה אויף דער פסוק וואס מיט דעם הייבט מען אן קאפיטל קלו אין תהלים, דער קאפיטל פון 'הלל הגדול', וואו דארט רעכנט מען אויס זעקס און צוואנציג לויבן וואס ענדיגן זיך מיט: "כי לעולם חסדו", ווען די לעצטע פון זיי איז: "נֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ; הוֹדוּ לְאֵל הַשָּׁמָיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ".

דער טעם פארוואס די קדמונים האבן אריינגעשטעלט דער פסוק אין סוף פון ברכת המזון, קענען מיר ערקלערן לויט די גמרא (פסחים קיח א): "פארוואס ווערט די קאפיטל אנגערופן 'הלל הגדול'? זאגט רבי יוחנן: ווייל הקדוש ברוך הוא זיצט ברומו של עולם, און געבט עסן פאר אלע באשעפענישן". ד.מ. אז אלע גרויסע ניסים וואס ווערן געברענגט אין דער קאפיטל, וואס אין דעם זענען דא 26 פסוקים אזוי ווי די צאל פון זיין נאמען - הוי"ה, זענען ווי א הקדמה אויף דעם לעצטן לויב: "נותן לחם לכל בשר", ווייל דאס איז די ציל פון אמונה, איינערקענען דעם אייבערשטן אין די ניסים וואס זענען באהאלטן אין די טבע, אז דער אייבערשטער וואס זיצט אין הימל איז משגיח מיט א השגחה פרטית אויף אלע באשעפענישן, שפייזט און געבט לעבן פאר אלעמען פון קרני ראמים ביז ביצי כינים (מהרש"א ח"א שם; 'תורת העבודה והתשובה' פסח עמ' נה).

### פותח את ידך ומשביע

ווי א פארזעצונג צו דער פסוק 'הודו לה'', דערמאנען מיר דעם פסוק: "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון", וואס אויך דער פסוק האבן די חכמים (ברכות ד ב) צוגעגלעכנט צו 'הלל הגדול', ווייל דארט ווערט דערמאנט דער ענין אז הקדוש ברוך הוא שפייזט יעדע באשעפעניש מיט א השגחה פרטית, מיט עסן וואס איז פאסיג לויט איר ספעציעלן נאטור.

אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אין די ארטיקל אויף ברכת הזן, דער פסוק ווערט געזאגט מיט א געוואלדיגע כוונה, און אין דעם איז דא א געוואלדיגע סגולה אויף פרנסה, אזוי ווי עס שטייט אין 'פלא יועץ': "ער זאל זייער שטארק אינזין האבן ביי די ברכת הנהנין, איבערהויפט ביי 'ברכת המזון', זאגן מיט כוונה ווארט ביי ווארט, און זייער אינזין האבן ביים פסוק 'פותח את ידך', ווייל אין דעם איז אנגעהאנגען דער עיקר פרנסה (פלא יועץ ערך פרנסה). אויב אזוי, די צוויי סגולות זענען דא צוזאמען.

ווי געזאגט, לויט נוסח ספרד דערמאנט מען דער פסוק ביי די ענדע פון ברכת הזן: "כאמור: "פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון", עס איז וויכטיג צו באטאנען וואס עס שטייט אין 'יסוד ושורש העבודה' געבויט אויף די קדמונים אז אויך די וואס פירן זיך "זאגן דער פסוק אין סוף ברכת המזון, ליגט א גרויסער חיוב אויפן מענטש עס צו זאגן מיט א געוואלדיגע כוונה, **ווייל דער פסוק איז א טייל פון דער נוסח פון ברכת הזן**".

### ברוך הגבר אשר יבטח בה'

דער פסוק: "ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו" (ירמיה יז ז) איז געאיינציגט מיט דעם אז דער באגריף ביטחון ווערט אין דעם געדאפלט צוויי מאל, ווייל אין דעם איז דא א ספעציעלע ברכה אויף דער וואס איז זוכה זיך פארלאזן אויף ה', ווי מער דער מענטש וועט זיך פארלאזן אויף ה', וועט אים דער אייבערשטער באשיצן און ווייזן זיינע חסדים (רד"ק שם; 'שפת אמת' תרומה תרל"א אין נאמען פון חידושי הרי"ם, און זעה 'פנים יפות' בשלח הוצ' מישור עמ' סה).

אויף דעם צדיק רבי חיים משה מאנדעל ווערט דערציילט, ווען איינער איז צו אים געקומען און זיך אפגערעדט אויף זיינע חובות וואס נעמען אים ארום און קען עס נישט אריבער טראגן, האט ער פאר אים ציטירט דער פסוק און אים געזאגט: דו ווייסט פארוואס דא ווערט דערמאנט דער לשון 'גבר', ווייל כדי צו האבן בטחון פעלט אויס א עקסטערע גבורה, און דער פסוק קומט לערנען, אז אויך דער וואס פארלאזט זיך אויף ה' און זעט נישט די ישועה, דארף זיך שטארקן און זיך מער פארלאזן, און אזוי וועט אנקומען די ישועה ('הראה לעניו' עמ' 120).

### ולא ראיתי צדיק נעזב

דער פאלגנדער פסוק: "נַעַר הָיִיתִי גַּם זָקַנְתִּי וְלֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ לָחֶם" (תהלים לז כה), איז עדות פון דער שר וואס איז ממונה אויף דער וועלט (יבמות טז ב, וראה בתוספות שם ד"ה פסוק), ווי ער זאגט: "פון אנהויב די וועלט האב איך נישט געזען א צדיק וואס ווערט פארלאזט אן קיין הילף, און נישט נאר דעס, נאר אויך זיינע קינדער וועט השי"ת נישט פארלאזן אין זיין זכות".

עס זעהט אויס אז דער פסוק איז אויך א פארזעצונג אויף דעם אויבנדערמאנטן פסוק; אויך דא ווערט דערמאנט אז דער צדיק וואס פארלאזט זיך אויף ה' איז פארזיכערט אז זיין פרנסה וועט שטענדיג זיין גרייט פאר אים, און דאס קען מען נאכקוקן פון אנהייב דער וועלט ביזן היינטיגן טאג, און אזוי ווי עס שטייט (תהלים ט יא): "ויבטחו בך יודעי שמך", פון וואו ווען זיי האבן דעם כח זיך צו שטארקן? "כי לא עזבת דורשיך ה'" (ראה מדרש תהלים שם; 'יוסף תהלות' [לחיד"א] שם).

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע לייענער

**לכבוד 'בני אמונים'**

צווישן די צענדליגער טויזנטער אידן פריי איך מיך צו זיין צווישן די וואס טון מחזק אנדערע און אליינ'ס זיך שטארקן אין דעם ענין פון ענטפערן אמן. איך בין זוכה יעדן טאג צו הערן פון עטליכע מענטשן די ברכות השחר בכל יום, און אזוי הייב איך אן מיין טאג ווען איך האב שוין ביי מיר 'תשעים אמנים'.

איך האב ענק געוואלט באטייליגן מיט א אינטערעסאנער און וואונדערליכער רמז וואס איך האב לעצטנ'ס געהערט פון א חשוב'ן תלמיד חכם וואס זאגט פאר מיר די ברכות השחר יעדן טאג, און עס ליגט אין דעם א געוואלדיגער חיזוק אויף די טעג. אין ענדע פון 'יקום פורקן' זאגן מיר: "מרן די בשמיא יהא בסעדון כל זמן ועידן" די ראשי תיבות זענען בגימטריה 'אמן'. און כדי עס זאל זיין קלאר אז דורך ענטפערן אמן איז מען זוכה צו א ספעציעלע הילף פון הימל אין יעדע צייט, ענדיגט מען מיט די ווערטער: "ונאמר אמן".

ש.ג. - ירושלים

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די 'בית מקדש' וואס איז געבויעט געווארן אין טיילאנד

דער באאמטער ביי די גרעניץ אין דער אינטערנאציאנאלער עירפארט פון באנגקוק די הויפט שטאט פון טיילאנד האט זיך געריבן די אויגן אומגלויבליך. דער איינגעבויגענער אלטער וואס איז געשטאנען פאר אים, אנגעטון שווארץ מיט א פריינדליכן געזוכט, האט ענדערשט אויסגעזען ווי א מלאך מער פון די פול מיליאנען וואס זענען אדורך פאר אים אין לויף פון די יארן וואס ער ארבעט דארט. עס האט אויסגעזען אז אויך דער מענטש וואס איז געשטאנען אקעגן אים האט נישט פארשטאנען וואס ער זוכט דארט, צווישן די אלע אנשיקענישן פון אלע עקן פון דער וועלט, וואס האבן אים ארום גערינגלט מיט א טומל.

דער צדיק רבי שכנא זאהן, א תלמיד פון דער גאון רבי ברוך בער לייבאוויטץ זצ"ל, וואס האט נאך זוכה געווען צו זיין אונטער די שאטן פון מרן החפץ חיים, האט געדינט אסאך יארן אלץ א ראש ישיבה אין ישיבה 'תורה ודעת' אין ניו יארק, און אויך נאך וואס ער איז ארויף קיין ארץ ישראל, פלעגט ער עטליכע מאל א יאר פארן באזוכן זיינע תלמידים.

געציילטע טעג בעפאר ראש השנה תשל"ו איז רבי שכנא געווען אויפן וועג צוריק פון אמעריקא קיין ארץ הקודש, נאכן זיך אויפהאלטן עטליכע וואכן צווישן זיינע תלמידים. אין יענע יארן זענען נישט געווען קיין דירעקטע פליגער'ס פון ארץ ישראל קיין אמעריקא, נאר א 'קאנעקשן' פלייט, וואס נאכן זיך אפשטעלן אין לאנדאן און אראפ גיין פון די עראפלאן, האט מען פארגעזעצט די וועג מיט א אנדערע פליגער קיין ארץ הקודש.

די השגחה העליונה האט אזוי געוואלט, און רבי שכנא וואס האט נישט גוט געהערט, האט נישט געהערט די רוף פון דער קאפיטאן ביי די סטאנציע אין לאנדאן, און האט זיך געטראפן פארן מיט די איבריגע פאסאזשירער ביז צו די ענדגילטיגע סטאנציע - טיילאנד.

נאך די לאנגע רייזע מיט נאך עטליכע סטאנציעס, צווישן זיי אויך אין א אראבישע לאנד, האט האט זיך דער פליגער אנגעפילט מיט אראבער, און די סטועדר'ס (דיילים) וואס האבן זיך געזארגט אויף די פרידן פון רבי שכנא האבן אים געמוזט באהאלטן מיט דעקע'ס צוליב שלעכטע אויגן, האט די עראפלאן געלאנדעט אין טיילאנד.

רבי שכנא האט געלאנדעט אין א אומבאקאנטע לאנד, א טאג בעפאר ראש השנה, אן ער זאל האבן די מינדעסטע אנונג וואו אהין ער זאל זיך ווענדן. אבער אזוי ער האט זיך געפירט זיין גאנצע לעבן, אראפבייגן דעם קאפ און אננעמען מיט א רואיגקייט יעדע גזירה, אזוי אויך יעצט, טראץ די שרעק וואס האט אים אין אנהויב ארום גענומען, האט ער זיך פארלאזט אויף השי"ת אז ער וועט אים נישט פארלאזן.

וויסנדיג אז ער האט נישט קיין אויסזוכט טרעפן א וועג צוריק אנקומען אין ארץ הקודש בעפאר די פליגלען פון ראש השנה שפרייטן זיך אויס, איז ער ארויס פון דער לופט-פעלד, און דורכ-גייער האבן אים געוויזן די וועג צו די הויז פון דער הויפט פון די אידישע געמיינדע אין טיילאנד, הער ג'מאל, וואס האט אויך געדינט אלץ דער פרעזידענט פון די דארטיגע אידישע שול.

דער מענטש האט זיך געוואונדערט צו זעהן א אידישע געזיכט נעבן די טיר פון זיין הויז, אין לויף פון די שמועס איז רבי שכנא געוואר געווארן אז די אידישע געמיינדע אין באנגקוק זענען נישט קיין רעפארמער, אבער זיי זענען זייער ווייט פון אידישקייט, און וועגן דעם זיצן זיי נישט אין שול אפגעטיילט די מענער פון די פרויען אזוי ווי עס דארף צו זיין.

וועגן דעם האט רבי שכנא געמאלדן פאר זיין גאסטגעבער אז ער וועט מוזן דאווענען אליינס אין זיין הויז, און אזוי האט ער טאקע געטון. נאר כדי צו מקיים זיין די מצוה פון הערן שופר איז רבי שכנא געגאנגען צו די שול, אבער ער איז געבליבן שטיין אינדרויסן און דורכ'ן פענסטער האט ער געוואלט הערן דעם קול פון שופר.

זיין גאסטגעבער וואס דורכ'ן פענסטער האט ער אים באמערקט שטיין אינדרויסן, איז ארויס צו אים און זיך געבעטן מיט טרערן ער זאל אריינקומען מיט אים, רבי שכנא האט אנגענומען זיין געבעט און איז אריין. די מתפללים וואס זענען איבערראשט געווארן צו זען א איד אנגעטון שווארצע קליידער ביי זייער שול, און זענען פארגאפט געווארן פון זיין לעכטיגע געשטאלט, האבן אים געבעטן ער זאל רעדן פאר זיי, און ער האט נישט געקענט אפזאגן.

ווען זיינע אויגן רינען טרערן, האט רבי שכנא זיך געווענדן צו די מתפללים וואס האבן אנגעפילט דאס פלאץ מיט ווערטער וואס זענען ארויסגעקומען פון זיין צובראכן הארץ:

"זיכער וואונדערן ענק אז א איד אזוי ווי מיר זאל נאר יעצט קומען אין שול. כדי איך זאל דאס ענק קענען ערקלערן, דארף איך פריער ענק ערקלערן וואס איז דאס א 'שול', פון מיין בליק"; רבי שכנא האט געשילדערט פאר זיינע צוהערהער די בית המקדש וואס מיר אידן האבן אמאל געהאט, און די געוואלדיגע גוט'ס וואס די אידן האבן באקומען דורך דעם, און נאכדעם האט ער געזאגט:

"דערנאך וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן האט מען אנשטאט דעם אוועקגעשטעלט די שולן, וואס איז אזוי ווי א קליינע 'בית המקדש', אויב אזוי, איז זיכער אז ענק וועלן צושטימען צו מיין מיינונג אז די הייליגקייט דארף זיין אזוי ווי אין בית המקדש - אין בית המקדש איז געווען א 'עזרת נשים', און וועגן דעם א 'בית מקדש מעט', קען נישט אנגערופן ווערן מיט אט די נאמען ווען מענער זיצן צוזאמען מיט פרויען. וועגן דעם האב איך נישט געקענט דאווענען מיט ענק".

די צוהערהער זענען שטיל געבליבן הערנדיג די שארפע ווערטער, און רבי שכנא האט זיך געווענדן צו זיי מיט טרערן אין די אויגן: "אויב ווילן ענק א טובה טון פאר א אלטער איד וואס דורך א הימל'ישע 'טעות' איז דא אנגעקומען, בעט איך פון ענק, די אלע מתפללים זאלן זיצן אזוי ווי עס דארף צו זיין, אפגעטיילט די פרויען פון די מענער, אזוי וועט די פלאץ ווערן אנגערופן א 'בית מקדש מעט' און איך וועל קענען דאווענען צוזאמען מיט ענק מוסף".

איינער פון די מתפללים האט פרובירט זיך אקעגן שטעלן, אבער זיינע חברים האבן אים באלד שטיל געמאכט. אויך דער גאסטגעבער פון שכנא, הער ג'מאל האט אויסגענוצט זיין אויטאריטעט און האט זיך אויך געווענדן מיט א געבעט צו די מתפללים זיי זאלן ערפילן די געבעט פון דער רב. צוביסלעך האט מען ערפילט זיין געבעט ביז עס איז אינגאנצן אויסגעפירט געווארן, און רבי שכנא האט דארט געקענט איבערבלייבן אויף מוסף.

אין לויף פון די טעג פון ראש השנה און די שבת נאכדעם, אויף די געבעט פון די מתפללים, האט רבי שכנא גע'דרש'נט פאר זיי עטליכע מאל ווען אינמיטן זיינע ווערטער דערמאנט ער אויך די וויכטיגקייט פון דער יסוד פון דאס אידישע פאלק, די ווערטער האט צוגעברענגט א געוואלדיגע חיזוק, און עס האט זיך דערקענט מיט דעם אז מוצאי שבת זענען צענדליגע פון זיי ארויף צו דער הויז פון הער ג'מאל און האבן געוואלט זיך אונטערנעמען אקעגן דעם רב צו היטן די יסודות פון אידישקייט, און האבן אויך צוזאמען גע'חתמ'עט אויף דער נוסח וואס רבי שכנא האט זיי פארגעשריבן.

עטליכע טעג נאכדעם איז רבי שכנא אנגעקומען צו זיין הויז. מיט זיין אויסערגעווענליכע באשיידנקייט האט ער נישט דערציילט פאר זיין פאמיליע אויף דער פלאץ וואו ער האט זיך אויפגעהאלטן אין ראש-השנה, און אזוי וואלט די געשיכטע געבליבן אויף אייביג אומבאקאנט. ווען נישט אויף די טיר פון זיין הויז האבן אנגעקלאפט, עטליכע יאר שפעטער, עטליכע בחורים וואס האבן זיך צוריק געקערט צו א ערליכע אידישע לעבן וואס האבן געלערנט אין ישיבת 'אור שמח', און האבן געבעטן פון די רעביצין ז' זאל זיי אריינגעמען אלץ געסט אויף זייער שבת'דיגע טיש, ווען זיי זענען געפרעגט געווארן פון זיי קענען דעם רב האבן זיי געענטפערט: פון טיילאנד, און אזוי איז באקאנט געווארן די ערציילונג.

עס זעט אויס אז די איבערראשנדע באזוך פון דער רב און די ווערטער וואס ער האט גערעדט אין די טיילאנדישע שול, האבן געשלאגן ווארצלען צווישן די מיטגלידער פון די קהילה, אזוי ווייט אז עטליכע פון די יונגטליכע וואס זענען איבערגענומען געווארן פון זיין געשטאלט און פון זיינע ווערטער, האבן אין זיין זכות זיך אונטערגענומען דעם עול התורה.

געהערט פון זיין זון רבי אלחנן צבי שליט"א, מוסף 'טעות גורלית' פסח תש"פ

עיצובים shay